Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

סיוון תשע״ב/יוני 2012

יאָר 17, נומער 4 (84)

## דאָס נײַע ווערטערבוך פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש[1] איז אַרויס !

ווי קען דאָס זײַן ? מע ווייסט דאָך אַז אַ סך פֿון די ייִדיש־לערנערס האָבן שטאַרק פֿײַנט[2] העברעיִזמען. אָבער באַלד ווי אַ ווערטערבוך פֿון העברעיִזמען גייט אַרויס, לויפֿן אַלע דאָס קויפֿן. שטעלט זיך אַ פֿראַגע : צי איז דאָס אַ פּאַראַדאָקס ? איז דער ענטפֿער : די ייִדיש־לערנערס האָבן ניט באמת[3] פֿײַנט העברעיִזמען, נאָר זיי האָבן מורא פֿאַר[4] זיי. דערפֿאַר איז זיי אַזאַ ווערטערבוך גאָר נייטיק[5].

ס'איז שוין דאָס דריטע מאָל אַז די מעדעם־ביבליאָטעק דרוקט אָפּ יצחק[6] ניבאָרסקיס *ווערטערבוך פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש*. נאָר אין דער אמתן[7] איז די איצטיקע אויפֿלאַגע[8] אין גאַנצן אַ נײַ ווערק : ווי פֿריִער, זענען אַלע דערקלערונגען אויף ייִדיש, נאָר ס'איז דאָ פֿעִרציק פּראָצענט מער מאַטעריאַל, אַ פּאָר טויזנטער נײַע זוכווערטער[9] און אַרום 1500 נײַע ציטאַטן פֿון איבער 300 מחברים[10]. כדי[11] מע זאָל קענען גרינג באַניצן דאָס ווערטערבוך, האָט מען אויך געמאַכט געוויסע ענדערונגען אינעם אויסשטעל[12], עס זאָל ווערן קלאָרער. נאָך אַ גוטע בשׂורה[13] : דאָס בוך וועט איר קיין מאָל ניט פֿאַרלירן אויף דער פּאָליצע[14] – די הילע איז פֿון אַ ליכטיקן מאַראַנצן־קאָליר[15] און מע זעט זי פֿון דער ווײַטנס ! לכּבֿוד[16] דעם דרוקן מיר אונדזער גאַנצן נומער אין אָט דעם קאָליר.




1. ... loshn-koydesh-... *Dictionnaire des mots d'origine hébraïque et araméenne en usage dans la langue yiddish/Dictionary of Words of Hebrew and Aramaic Origin Used in Yiddish/מילון למילים ממוצא עברי וארמי ביידיש* 2. détestent/detest/שונאים 3. beemes en fait/in fact 4. ... moyre ... ont peur de/are afraid of/מפחדים מ- 5. nécessaire/necessary/נחוץ 6. yitskhok 7. ... e'mesn à vrai dire/actually/למען האמת 8. édition/מהדורה 9. entrées/entries/ערכים 10. mekhabrim auteurs/authors/סופרים 11. kede'y pour que/so that 12. mise en page/layout/עימוד 13. psure nouvelle/news 14. étagère/shelf/מדף 15. orange/כתום 16. lekoved en l'honneur de/in honor of.

## קאָלאָקוויום[1]

אַ גרויסע נײַעס אויף דער ייִדישער גאַס[2] : דעם קומענדיקן נאָוועמבער וועט פֿאָרקומען אינעם לאָקאַל פֿון UNESCO אין פּאַריז אַ צווייטאָגיקער קאָלאָקוויום אויף דער טעמע „ייִדיש – נאָך אַלץ און ווײַטער“[3].

UNESCO איז, ווי אַלע ווייסן, די אַגענטור פֿון דער פֿאַראייניקטער פֿעלקער־אָרגאַניזאַציע[4] וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פֿראַגעס פֿון בילדונג[5], וויסנשאַפֿט[6] און קולטור איבער דער גאַנצער וועלט. צום מערסטן איז זי באַקאַנט מיטן באַשיצן[7] קולטור־שאַפֿונגען אַ דאַנק איר רשימה[8] „וועלט־ירושה“[9]. אָבער UNESCO פֿאַרנעמט זיך אויך מיט נישט ממשותדיקע אוצרות[10], ווי צום בײַשפּיל שפּראַך, און בפֿרט[11] די באַשיצונג פֿון מינדערהייט[12]־שפּראַכן. אין 2010 האָט זי אַרויסגעגעבן אַן אַטלאַס *פֿון שפּראַכן אין סכנה*[13] – איינע פֿון די שפּראַכן איז ייִדיש. פֿון דעם איז אַרויסגעוואַקסן דער פּלאַן פֿאַר אַ קאָנפֿערענץ אַרום דער ייִדישער שפּראַך. די אידעע איז געקומען פֿון פֿרוי אירען אָרעס[14], אַ מיטגליד פֿון דער בני־ברית[15]־דעלעגאַציע בײַ דער UNESCO, און אויך אַ ליבהאָבערין פֿון ייִדיש און אַ מיטגליד פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער. דאָס האָט זי זיך באַמיט[16] צו קאָאָרדינירן צווישן אַלע פֿאַראינטערעסירטע אינסטאַנצן[17] : UNESCO, בני־ברית און דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אָרגאַניזירן די רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס פֿונעם קאָלאָקוויום.

דער ציל פֿון דער אונטערנעמונג איז צו ווײַזן אַז מענטשן אין פֿאַרשיידענע לענדער און אויף פֿאַרשיידענע געביטן אַרבעטן און שאַפֿן אויף ייִדיש. דער קאָלאָקוויום וועט פֿאָרקומען דעם 12טן און 13טן נאָוועמבער און די רעדנערס וועלן קומען פֿון אַלע עקן וועלט – פֿון אייראָפּע אַוודאי[18] (מיזרח[19] און מערבֿ[20]), נאָר אויך פֿון אַמעריקע, ישׂראל[21] און אויסטראַליע. מע וועט אַרומרעדן אַזעלכע פֿראַגעס ווי : הײַנטיקע שאַפֿונגען אויף ייִדיש, טעטיקייטן[22] אין פֿאַרשיידענע לענדער צו לערנען און פֿאַרשפּרייטן ייִדיש, ייִדיש און די נײַע טעכנאָלאָגיעס (אינטערנעץ אַזוי[23]), דער בײַטראָג[24] פֿון דער ייִדישער קולטור צו דער וועלטקולטור. מער פּרטים[25] אין די קומענדיקע חדשים[26].

1. colloque/symposium 2. communauté juive/Jewish community/קהילה יהודית 3. "Permanence du yiddish"/"Permanence of Yiddish" 4. ONU/U.N./או״ם 5. éducation/חינוך 6. science/מדע 7. protection/הגנה 8. reshime liste/list 9. ... -yerushe Patrimoine mondial/World Heritage/מורשת עולמית 10. ... mamo'shesdike oytsres trésors non matériels/non-material treasures/אוצרות רוחניים 11. bifra't en particulier/in particular 12. minorité/minority/מיעוט 13. ... sakone en péril/endangered 14. Mme Irène Orès 15. bney-bris B'nai Brith 16. s'est efforcée/spared no effort/התאמצה 17. institutions/מוסדות 18. avade bien sûr/of course/בוודאי 19. mizrekh de l'Est/Eastern 20. mayrev de l'Ouest/Western 21. yisroel Israël 22. activités/activities/פעילויות 23. און אַזוי ווײַטער etc. 24. contribution/תרומה 25. protim détails, *sing.* פּרט prat 26. khadoshim mois/months, *sing.* חודש khoydesh.

# דאָס איבערזעצן און די טראַדיציע פֿון פֿילשפּראַכיקייט[1] בײַ ייִדן




**ראָבינסאָן קרוזאָ אין ייִדיש, 1894**

פֿילשפּראַכיקייט איז גאָר אַ וויכטיקער עלעמענט פֿון דער ייִדישער קולטור זינט אַ פּאָר טויזנט יאָר, ווען העברעיִש האָט אויפֿגעהערט צו זײַן די טאָגטעגלעכע שפּראַך פֿון ייִדן. לינגוויסטן רעדן וועגן דער „אינעווייניקסטער[2] פֿילשפּראַכיקייט" ווען מע ניצט, למשל[3], העברעיִש און אַרמיש[4] פֿאַרן לערנען תּורה[5] און ייִדיש אין טאָגטעגלעכן לעבן. די „אויסנווייניקסטע[6] פֿילשפּראַכיקייט" בײַ ייִדן האָט צו טאָן מיט קענען אויך די אַרומיקע, ניט ייִדישע שפּראַכן, סײַ די מלוכה[7]־שפּראַך סײַ די לאָקאַלע דיאַלעקטן פֿון די קריסטלעכע שכנים[8]. די פֿאַרשיידענע ייִדישע שפּראַכן, וואָס ייִדן האָבן אַנטוויקלט אין גלות[9], ווי ייִדיש, דזשודעזמע[10] צי ייִדיש־אַראַביש[11] רופֿט מען „שמעלצשפּראַכן[12]", ווײַ עלעמענטן פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן גיסן זיך צוזאַמען[13] צו שאַפֿן אַ נײַע שפּראַך. אין אָנהייב פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט האָט אַ ייִד פֿון מיזרח[14]־אייראָפּע געקענט רעדן ייִדיש, רוסיש, פּויליש צי אוקראַיִניש, לייענען לשון־קודש[15], און אַ מאָל אויך דײַטש. געוויסע געבילדעטע ייִדן האָבן אַפֿילו[16] געקענט אַנדערע מערבֿדיקע[17] שפּראַכן, ווי ענגליש צי פֿראַנצייזיש. דאָס פּראָסטע פֿאָלק אָבער, אַפֿילו רעדנדיק אַנדערע שפּראַכן, האָט געלייענט נאָר אויף ייִדיש. איז איבערזעצונג געווען אַ גאָר וויכטיקע זאַך בײַ ייִדן. מע האָט איבערגעזעצט פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, פֿון וויסנשאַפֿט[18], עקאָנאָמיע און פּאָליטיק. ייִדישע שרײַבער האָבן איבערגעזעצט הײַנע, געטע, טאָלסטוי, דיקענס, וויקטאָר הוגאָ... לייב נײַדוס האָט איבערגעזעצט פּושקין, ווי אויך ווערלען (זעט ז' 5). יצחק[19] באַשעוויס־זינגער האָט איבערגעזעצט טאָמאַס מאַן, זלמן[20] רייזען – מאַרק טווין, און דער נסתּר[21] – די מעשׂהלעך[22] פֿון אַנדערסען... און נאָך און נאָך. אין די ווײַטערדיקע זײַטן וועט איר געפֿינען אַ קליינעם אָפּקלײַב[23] איבערזעצונגען אויף ייִדיש.

1. multilinguisme/multilingualism/רב לשוניות 2. interne/internal/פנימי 3. LEMOSHL par exemple/for example 4. ARAMISH araméen/Aramaic 5. TOYRE Torah 6. externe/external/חיצוני 7. MELUKHE d'État/national/של המדינה 8. SHKHEYNIM voisins/neighbors, *sing.* שכן SHOKHN 9. GOLES exil/exile 10. judéo-espagnol/Judeo-Spanish/ספניולית 11. judéo-arabe/Judeo-Arabic/ערבית יהודית 12. langues de fusion/fusion languages/שפת היתוך 13. s'amalgament/blend/מתערבבים 14. MIZREKH de l'Est/Eastern 15. LOSHN-KOYDESH hébreu/Hebrew/עברית 16. AFILE même/even 17. MA'YREVDIKE occidentaux/western/מערביים 18. science/מדע 19. YITSKHOK 20. ZALMEN 21. ... NISTER 22. MA'YSELEKH contes/tales/אגדות 23. sélection/מבחר.



## אַרום אַ וואָרט

# טײַטש

דאָס וואָרט **טײַטש**, האָט איר אַוודאי[1] באַמערקט, קלינגט כמעט[2] ווי דאָס וואָרט **דײַטש**. צו ערשט האָט דאָס טאַקע געמיינט דײַטש, די שפּראַך וואָס ייִדן האָבן אָנגעהויבן רעדן אין דײַטשלאַנד אין מיטל־עלטער. פֿון איר איז מיט דער צײַט אַרויסגעוואַקסן ייִדיש, וואָס מע פֿלעגט אַ מאָל רופֿן **ייִדיש־דײַטש** אָדער **ייִדיש־טײַטש**. דער צווייטער באַטײַט פֿונעם וואָרט **טײַטש** איז : איבערזעצונג פֿון לשון־קודש[3] אויף ייִדיש, ווײַל טראַדיציאָנעל פֿלעגט מען איבערזעצן לשון־קודשדיקע ספֿרים[4] פֿאַר די, וואָס האָבן ניט געקענט לייענען אויף העברעיִש. **דער טײַטש־חומש**[5], צום בײַשפּיל, איז די איבערזעצונג פֿון חומש אויף ייִדיש, מיט פֿאַרשיידענע קאָמענטאַרן און צוגעגעבענע לעגענדעס. די דאָזיקע איבערזעצונגען (און ביכער אויף ייִדיש אין אַלגעמיין) האָבן געלייענט מערסטנס פֿרויען. דערפֿאַר רופֿט מען דעם אַלטן שריפֿט אין וועלכן מע פֿלעגט זיי דרוקן **ווײַבערטײַטש־שריפֿט**. די אַרכאַיִשע שפּראַך וואָס מע האָט געניצט אין די אָ ספֿרים הייסט **עבֿרי**[6]**־טײַטש**. שפּעטער איז דאָס וואָרט **טײַטש** געוואָרן אַ סינאָנים פֿון איבערזעצונג אָדער דערקלערונג אין אַלגעמיין. אַנטשאָט צו פֿרעגן „וואָס מיינט דאָס ?" קען מען זאָגן **וואָס איז דער טײַטש ?** אָדער קירצער – **וואָס טײַטש ?** פֿון דעם איז געקומען אַזאַ ווערטל **סטײַטש**, וואָס מע ניצט ווען עפּעס זעט אויס אומגלייבלעך. צום בײַשפּיל : „סטײַטש ?! אַזאַ נאַר איז געוואָרן אַ פּראָפֿעסאָר ?". דער ווערב **טײַטשן** קען האָבן עטלעכע קאָנווערבן און פּרעפֿיקסן וואָס גיבן צו פֿאַרשיידענע ניואַנסן פֿון „דערקלערן", „אינטערפּרעטירן" צי „איבערזעצן", ווי **אויסטײַטשן**, **פֿאַרטײַטשן** אָדער **אַרײַנטײַטשן**. אַ וואָרט קען זײַן **איינטײַטשיק** אויב עס קען נישט זײַן קיין ספֿק[7] וואָס עס מיינט. אויב עס האָט צוויי אָדער מער באַטײַטן זאָגט מען אַז עס איז **צווייטײַטשיק** אָדער אַפֿילו[8] **פֿילטײַטשיק**.


פרשת נח

אלה תולדות נח   ער זאגט (טלאה האלך ע"ה) (אתהלך
בתאו צדיק אטרי בניו אחריו) כלומר
דר אענט זאלאלות טון (לטם טאים) אוכ' כיט פֿון גיאות ווען
אלז פֿין לייט זיין די געבן צדקה דען לייט אוכ' דער כאך גין זיא היין
אוכ' זאגן דז סויז דא טוט ער צווייארלייא בעז דז אייני ער טרייבט
גיאות דז ער דען לייטן דז זאגט אוכ' דז אנדרי די לייט ווען ער

**אַ בײַשפּיל פֿון ווײַבערטײַטש־שריפֿט**

1. AVADE bien sûr/of course/בוודאי 2. KIMA'T presque/almost 3. LOSHN-KOYDESH langue sacrée (hébreu et araméen)/holy tongue (Hebrew and Aramaic) 4. LOSHN-KO'YDESHDIKE SFORIM livres saints/holy books/ספרי קודש 5. KHUMESH Pentateuque/Pentateuch 6. IVRE 7. SOFEK doute/doubt 8. AFILE même/even.

# יהואש[1] – פּאָעט און איבערזעצער

יהואש איז דער פּסעוודאָנים פֿון יהואש־שלמה[2] בלומגאַרטען (1870–1927), איינער פֿון די הויפּטשרײַבער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור – אַ פּאָעט און אַ פּראָזאַיִקער – ווי אויך אַן איבערזעצער פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן. הײַנט צו טאָג איז ער באַרימט דער עיקר[3] פֿאַר זײַן פּרעכטיקער איבערזעצונג פֿון תּנך[4] אויף ייִדיש.

יהואש איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין דער ליטע, דערצויגן געוואָרן אי טראַדיציאָנעל אי מאָדערן, אימיגרירט צו 20 יאָר אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן[5], זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, געאַרבעט בײַ אַלע סאָרטן אַרבעט, געוואָרן קראַנק אויף די לונגען (טובערקולאָז) און געשיקט געוואָרן אין אַ סאַנאַטאָריע אין דענווער (קאָלאָראַדאָ). ביז אַהער אַ גאָר געוויינטלעכער לעבנסוועג פֿון אַ ייִדישן אימיגראַנט אין אַמעריקע.

אָבער יהואש האָט שוין אָנגעהויבן יונגערהייט צו שרײַבן (אויף ייִדיש און אויף העברעיִש), זיך צו לערנען שפּראַכן (רוסיש און דײַטש) און לייענען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. אין דער סאַנאַטאָריע האָט ער זיך באַפֿרײַנדט מיט אַ דאָקטער, חיים ספּיוואַק[6], אויך אַ העברעיִסט און אַ ליבהאָבער פֿון שפּראַכן. צוזאַמען האָבן זיי אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף אַ ווערטערבוך פֿון לשון־קודשע[7] ווערטער אין ייִדיש, וואָס איז אַרויס אין 1911. יהואש איז געבליבן 10 יאָר אין דענווער. ער האָט זיך געהיילט און אָפּגעגעבן אַ סך צײַט צו שרײַבן און זיך לערנען. ער האָט איבערגעזעצט פּרקי־אָבֿות[8] ווי אויך *הײַאַוואַטאַ*[9] פֿון דעם אַמעריקאַנער פּאָעט לאָנגפֿעלאָ. ווען ער איז צוריק אין ניו־יאָרק האָט ער ווײַטער געשריבן, אַרויסגעגעבן עטלעכע בענד[10] לידער, פֿאַבלען[11] און דערציילונגען און געאַרבעט אויף זײַן תּנך־איבערזעצונג. אין 1914 איז ער געפֿאָרן מיט זײַן ווײַב קיין ארץ־ישׂראל[12], ווו ער האָט אָנגעהויבן זיך לערנען קלאַסיש אַראַביש און איבערגעזעצט אַראַבישע פֿאָלקס־מעשׂיות[13] און פֿראַגמענטן פֿונעם קאָראַן אויף ייִדיש. מיטן אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה[14] האָט ער געמוזט אַוועקפֿאָרן. ער איז געבליבן אַ ווײַלע אין מצרים[15], דערנאָך צוריק אין ניו־יאָרק. זײַן רײַזע אין ישׂראל האָט ער באַשריבן אין אַ בוך מיטן טיטל *פֿון ניו־יאָרק ביז רחובֿות*[16] *און צוריק*.

ער האָט ווײַטער געשריבן, איבערגעזעצט און אויפֿגענומען[17] בײַ זיך אין דער היים אַ סך יונגע שרײַבער וועמען ער האָט דערמוטיקט[18] צו שרײַבן אויף ייִדיש. צוריק צו זײַן תּנך־אַרבעט, האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן אַלע פֿריִערדיקע פּרוּוון און האָט אָנגעהויבן פֿון ס'נײַ פֿון בראשית[19]. ער האָט געוואָלט אַז די איבערזעצונג זאָל זײַן פּינקטלעך און געלערנט (וויסנשאַפֿטלעך[20] פּרעציז) און גלײַכצײַטיק אויף אַ פּשוטער[21] און אידיאָמאַטישער שפּראַך. ער האָט זיך אינספּירירט פֿון דער שפּראַך פֿון טײַטש־חומש[22] און פֿון אַזעלכע אַלטייִדישע ביכער ווי *צאינה־וראינה*[23], און געפּרוּווט אויסמײַדן ווי ווײַט מעגלעך[24] דײַטשמעריזמען און סלאַוויזמען. פֿון 1922 אָן איז זײַן תּנך אויף ייִדיש דערשינען[25] אין המשכים[26] אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג *דער טאָג*. שפּעטער איז עס אַרויס אין בוכפֿאָרעם. דער חומש[27] בײַ זײַן לעבן, די אַנדערע בענד – נאָך זײַן טויט.

1. YEHOYESH Yehoash 2. SHLOYME Solomon Bloomgarten 3. … IKER surtout/mainly/בעיקר 4. TANAKH Bible hébraïque/Hebrew Bible 5. États-Unis/United States/ארצות הברית 6. KHAIM Spivak 7. LOSHN-KO'YDESHE d'origine hébraïque et araméenne/of Hebrew and Aramaic origin/מעברית ומארמית 8. PIRKE OVES Maximes des Pères/Ethics of the Fathers 9. *Hiawatha*, H.W. Longfellow 10. volumes, *sing.* באַנד 11. משלים 12. ERETS-YISROEL Palestine 13. MAYSES contes/tales 14. MILKHOME guerre/war 15. MITSRAIM Égypte/Egypt 16. Rehovoth 17. recevait/received/אירח 18. encourageait/encouraged/עודד 19. BREYSHIS Genèse/Genesis 20. scientifiquement/scientifically/מבחינה מדעית 21. PO'SHETER simple/פשוט 22. TAYTSH-KHUMESH traduction traditionelle du Pentateuque en yiddish/traditional translation of the Pentateuch in Yiddish/תרגום מסורתי ליידיש של החומש 23. TSENERENE légendes du Pentateuque en yiddish/stories from the Pentateuch in Yiddish 24. éviter autant que possible/avoid as far as posssible/להמנע ככל הניתן 25. paru/was published/פורסם 26. … HEMSHEYKHIM par épisodes/in installments 27. KHUMESH Pentateuque/Pentateuch.

## בראשית[1]

דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער איבערזעצונג פֿון יהואש.

1. אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד. 2. און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און פֿינצטערניש איז געווען אויפֿן געזיכט פֿון תּהום[2], און דער גײַסט פֿון גאָט האָט געשוועבט[3] אויפֿן געזיכט פֿון די וואַסערן. 3. האָט גאָט געזאָגט : זאָל ווערן ליכט. און עס איז געוואָרן ליכט. 4. און גאָט האָט געזען דאָס ליכט אַז עס איז גוט ; און גאָט האָט פֿאַנאַנדערגעשיידט צווישן דעם ליכט און צווישן דער פֿינצטערניש. 5. און גאָט האָט גערופֿן דאָס ליכט טאָג, און די פֿינצטערניש האָט ער גערופֿן נאַכט און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פֿרימאָרגן, איין טאָג.

[…] 26. האָט גאָט געזאָגט : לאָמיר מאַכן מענטשן אין אונדזער געשטאַלט, לויט אונדזער גלײַכעניש[4], און זיי זאָלן געוועלטיקן[5] איבער די פֿיש פֿון ים[6], און איבער די פֿויגלען פֿון הימל, און איבער די בהמות[7], און איבער דער גאַנצער ערד, און איבער אַלע שרצים[8] וואָס קריכן אויף דער ערד. 27. און גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן אין זײַן געשטאַלט ; אין דער געשטאַלט פֿון גאָט האָט ער אים באַשאַפֿן ; אַ זכר[9] און אַ נקבֿה[10] האָט ער זיי באַשאַפֿן. און גאָט האָט זיי געבענטשט[11], און גאָט האָט צו זיי געזאָגט : פֿרוכפּערט אײַך און מערט אײַך[12] און פֿילט אָן די ערד […]

1. BREYSHIS Genèse/Genesis 2. THOM abîme/abyss 3. flottait/hovered/ריחף 4. comparaison, *ici* ressemblance/likeness/ *כאן:* השוואה דמיון (למישהו) 5. régner/rule/לשלוט 6. YAM mer/sea 7. BEHEYMES animaux/animals 8. SHROTSIM reptiles 9. ZOKHER mâle/male 10. NEKEYVE femelle/female 11. béni/blessed/בירך 12. croissez et multipliez/be fruitful and multiply/פרו ורבו.




**בילד פֿון אַ צאינה־וראינה, 1836**

שרון בר־כּוכבֿא[1] איז אַ יונגע פֿאָרשערין[2], אַ געבוירענע אין ישׂראל, וואָס אַרבעט אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער. זי האָט אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן ליטווינס איבערזעצונגען.

# מרדכי ליטווין[3]

## פֿון שרון בר־כּוכבֿא





מרדכי ליטווין (ליטעראַרישער נאָמען פֿון מרדכי באָיאַרין, 1906-1993) איז געבוירן געוואָרן אין דער ליטווישער שטאָט שאַוול[4], וואָס איז דעמאָלט געווען אַ טייל פֿון דער רוסישער אימפּעריע. ער איז געווען אַ וויכטיקע פֿיגור אינעם ייִדישן קולטורעלן לעבן אין פּאַריז, און האָט אַ סך אויפֿגעטאָן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אַ פֿרוכטיקער באַציִונג צווישן דער פֿראַנצייזישער און דער ייִדישער ליטעראַטור. נישט נאָר איז ער געווען אַ גאָר טאַלאַנטירטער איבערזעצער פֿון פֿראַנצייזישער פּאָעזיע אויף ייִדיש, ער האָט אויך אינספּירירט און געוויזן דעם וועג אַ גאַנצן דור[5] איבערזעצערס פֿון ייִדיש אויף פֿראַנצייזיש.

ליטווינס לעבנס־געשיכטע זעט אויס ווי אַן אמתער[6] אַוואַנטורעס־ראָמאַן : ביזן עלטער פֿון 9 יאָר איז ער דערצויגן געוואָרן אין ליטע, און שפּעטער איז ער פֿאַרשיקט[7] געוואָרן מיט אַלע ייִדן ווײַט פֿון דעם מלחמה[8]־פֿראָנט, און געלעבט בײַ קרובֿים[9] אין אוקראַיִנע. אין 1917 איז ער פּונקט געווען בײַ אַ מומען אין רוסלאַנד און דאָרטן אַדורכגעלעבט די רעוואָלוציע. אין דער יוגנט האָט ער שטודירט אין בערלין. ווען די נאַציס זענען געקומען צו דער מאַכט, איז ער אַרעסטירט געוואָרן צוליב זײַן פּאָליטישער טעטיקייט[10], און פֿאַרמישפּט[11] אויף 12 יאָר תּפֿיסה[12]. דורך אַ נס[13] איז ער באַפֿרײַט געוואָרן פֿאַר דער צײַט, און אין 1939 האָט מען אים צוריקגעשיקט קיין ליטע. נאָר ווי באַלד ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז די דײַטשן וועלן שוין תּיכּף[14] אָנקומען, איז ער גלײַך אַוועק קיין פֿראַנקרײַך ווּו

ער האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט – צו ערשט אין פּאַריז, און נאָך דער דײַטשער אינוואַזיע אין דער אומאָפּהענגיקער זאָנע[15] אין מאָנפּעליע. אין 1942 איז די געסטאַפּאָ געקומען אים אַרעסטירן, נאָר אַ דאַנק גוטע חבֿרים[16] האָט ער געקענט זיך בײַ צײַטנס באַהאַלטן בײַ אַ גלח[17] און איז געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער.

ס'איז אַ טשיקאַווע[18] זאַך אַז זײַן טעטיקייט ווי אַן איבערזעצער האָט ליטווין אָנגעהויבן דווקא[19] אין אָט דער שווערער צײַט, זײַענדיק באַהאַלטן און באַקעמפֿנדיק די דײַטשן. ער האָט מיט זיך געהאַט אַן עקזעמפּלאַר פֿון באָדלערס *בלומען פֿון בייז*[20], און ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אַריבערטראָגן די באַקאַנטע לידער אויף מאַמע־לשון[21].

מיט דער דאָזיקער אַרבעט איז ער שוין אָנגעגאַנגען אַ גאַנץ לעבן, איבערשלײַפֿנדיק[22] צו מאָל דאָס זעלבע ליד יאָרן לאַנג.

ליטווין האָט פּובליקירט צוויי בענד מיט זײַנע איבערזעצונגען פֿון פֿראַנצייזישער פּאָעזיע. דער ערשטער איז אַרויס אין 1968, און דער צווייטער כּמעט[23] צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1986. אין 2003, צען יאָר נאָך זײַן טויט, איז אַ דריטער באַנד פּובליקירט געוואָרן דורך וועראַ סאָלאָמאָן און יצחק[24] ניבאָרסקי. אין די דרײַ בענד געפֿינען זיך איבערזעצונגען פֿון 46 פֿראַנצייזישע פּאָעטן, ווי אויך צוואַנציק דײַטשע און רוסישע, בסך־הכּל[25] כּמעט 400 לידער. אין דעם ערשטן באַנד איז דאָ ליטווינס עסיי וועגן איבערזעצן פּאָעזיע. ער פֿאַרגלײַכט דאָרטן דרײַ איבערזעצונגען פֿון אַ ליד פֿון פּאָל ווערלען (זעט ז' 5), צוויי פֿון ייִדישע פּאָעטן ליעסין און נײַדוס ווי אויך זײַן אייגענע ווערסיע.

## COLLOQUE SENTIMENTAL

Paul Verlaine

Dans le vieux parc solitaire et glacé,
Deux formes ont tout à l'heure passé.

Leurs yeux sont morts et leurs lèvres sont molles,
Et l'on entend à peine leurs paroles.

Dans le vieux parc solitaire et glacé,
Deux spectres ont évoqué le passé.

—Te souvient-il de notre extase ancienne ?
— Pourquoi voulez-vous donc qu'il m'en souvienne ?

— Ton coeur bat-il toujours à mon seul nom ?
Toujours vois-tu mon âme en rêve ? — Non.

— Ah ! Les beaux jours de bonheur indicible
Où nous joignions nos bouches. — C'est possible.

— Qu'il était bleu le ciel, et grand l'espoir !
— L'espoir a fui, vaincu, vers le ciel noir.

Tels ils marchaient dans les avoines folles,
Et la nuit seule entendit leurs paroles.

1. ShARON BAR-KOKhVA Bar-Kochva 2. chercheuse/researcher/חוקרת 3. MORDKhE Litvine 4. Siauliai/שבלי 5. DOR génération 6. E'MESER véritable/אמיתי 7. déporté/deported/גורש 8. MILKhOME guerre/war 9. KROYVIM parents/relatives/קרובי משפחה 10. activité/activity/פעילות 11. FARMIShPET condamné/sentenced/נידון 12. TFISE prison/בית סוהר 13. NES miracle 14. TEYKEF vite/quickly 15. zone libre/unoccupied zone (southern France)/(האזור החופשי (בדרום צרפת 16. KhAVEYRIM amis/friends 17. GALEKh prêtre/priest/כומר 18. curieux/curious/מעניין 19. DAFKE justement/precisely 20. Beaudelaire, *Fleurs du Mal*/פרחי הרע 21. …-LOShN Yiddish/יידיש 22. à polir/polishing/משייף 23. KIMA'T presque/nearly 24. YITSKhOK 25. BESEKhAKL en tout/in all.

# סענטימענטאַלער דיאַלאָג

פּאָל ווערלען ; איבערגעזעצט דורך אַבֿרהם[1] ליעסין

אין אַלטן, וויסטן[2] פּאַרק, פֿאַרוואָרפֿן[3], פֿראָסט־באַדעקט
צוויי שאָטנס[4] האָבן דורך דער נאַכט זיך שטיל באַוועגט.

די אויגן קוקן טויט, די ליפּן הענגען שוואַך,
און קוים[5] וואָס הערט זיך זייער שאָטנדיקע שפּראַך.

אין אַלטן, וויסטן פּאַרק, פֿאַרוואָרפֿן, פֿראָסט־באַדעקט
צוויי גײַסטער[6] האָבן אַ פֿאַרגאַנגענהייט געוועקט.

– געדענקסטו דעם עקסטאַז פֿון אונדזער הייסן בליק ?
– צו וואָס דערמאָנען דאָס געוועזענע צוריק ?

– צי קלינגט דיר אַלץ מײַן נאָמען מיט אַזוי פֿיל חן[7] ?
צי קלאַפּט נאָך אַלץ דײַן האַרץ צו זען אין טרוים מיך ? – ניין.

– אָ, טעג פֿון גרויסן גליק, ווען מויל מיט מויל אין ברען[8]
פֿאַראייניקט האָבן מיר – ס'איז אפֿשר[9] ווען[10] געווען.

– געשײַנט אין הימל בלאָ האָט האָפֿענונג אָן ברעג !
– אין שוואַרצן הימל איז די האָפֿענונג אַוועק.

זיי האָבן זיך געדרייט אַזוי אין פּאַרק אַרום,
די נאַכט נאָר האָט געהערט די שאָטן־ווערטער שטום.

# אַ סענטימענטאַלער געשפּרעך

איבערגעזעצט דורך לייב נײַדוס

טיף אין דעם פּאַרק, וועלכער פֿרירט[11] אין זײַן ווײ,
האָבן זיך שאָטנס אַדורכגעשלײַכט[12] צוויי.

אויגן – פֿאַרלאָשן, די ליפּן שוין אַלטע,
ס'הערן זיך שטימען פֿאַרוועלקטע[13] און קאַלטע.

טיף אין דעם איינזאַמען פּאַרק, וועלכער פֿרירט,
האָבן צוויי שאָטנס אַ שמועס געפֿירט.

– אַך, צי געדענקסטו די ליבע, דאָס בענקען ?
– נאָך וואָס ? צי קאָן איך אַזוינס נאָך געדענקען ?

– הערסטו מײַן גרוס, וואָס איז הייליק און ריין ?
זעסטו מײַן זעלע[14] אין נאַכט־חלום[15] ? – ניין !

– גליק איז געוועזן... געפֿלאַמט[16] האָט דײַן וועזן[17]
דאַן אין מײַן אָרעם[18]... – ס'קאָן זײַן, ס'איז געוועזן...

– דאַן האָט די האָפֿנונג געשטראַלט ווי די זון !
– איצט איז דאָך גאָרנישט געבליבן דערפֿון...

טרויעריק האָבן די ווערטער געשוווּמען,
ס'האָבן זיי נאַכטיקע שאָטנס פֿאַרנומען[19]...

# סענטימענטאַלער שמועס

איבערגעזעצט דורך מרדכי[20] ליטווין

אין איינזאַמען פּאַרק, וואָס ליגט פֿאַרשטאַרט[21],
עס האָבן צוויי שאָטנס פֿאַרבײַ זיך געשאַרט[22].

די אויגן פֿאַרלאָשן, די לעפֿצן[23] שוין פֿאַלבע[24],
עס פֿאַלן די ווערטער פֿאַרחלשטע[25], האַלבע.

אין פֿראָסטיקן פּאַרק, אויף אַן איינזאַמען וועג
צוויי שאָטנס דערמאָנט האָבן נעכטיקע טעג[26] :

– געדענקסט פֿון אַ מאָל די התפּעלות[27], דאָס בענקען ?
– צו וואָס־זשע[28] נאָך ווילט איר, איך זאָל עס געדענקען ?

– צי קלאַפּט נאָך דײַן האַרץ, איך זאָל קומען צו גיין[29] ?
צי חלומט זיך דיר[30] מײַן נשמה[31] נאָך ? – ניין.

– אָ, גליקלעכע צײַטן, ווען מיר האָבן טעגלעך
באַהאָפֿטן[32] די ליפּן ! – ווער ווייסט... עס איז מעגלעך.

– מיט האָפֿענונג פֿול האָט דער הימל געבלויט[33] !
– דער הימל איז שוואַרץ און די האָפֿענונג טויט.

זיי האָבן שפּאַצירט דורך פֿאַרוויאַנעטע[34] גראָזן :
די נאַכט האָט די ווערטער אין טונקל צעבלאָזן.

1. AVROM 2. désert/empty/עזוב 3. lointain/secluded/מבודד 4. ombres/shadows/צללים 5. à peine/barely/בקושי 6. spectres/ghosts/רוחות רפאים 7. KHEYN charme/charm 8. passionnément/burning/בתשוקה 9. EFSHER peut-être/perhaps/יתכן 10. אַ מאָל 11. gèle/freezes/קופא 12. faufilé/slipped by/התגנבו 13. fanés/faded/נבולים 14. âme/soul/נשמה 15. KHOLEM rêve/dream 16. brûlé/flamed/בער 17. être/being/יישות 18. bras/arm/זרוע 19. perçu/heard/שמעו 20. MORDKHE 21. figé/frozen/קפוא 22. traîné/passed by/חלפו 23. ליפּן 24. flasques/flaccid/רפויים 25. FARKHA'LESHTE affaiblis/faintly/מעולפות 26. jours d'antan/yesterdays/זמנים עברו 27. HISPAYLES extase/ecstasy 28. pourquoi donc/why then/מדוע זה 29. que je vienne/that I should come/בציפיה לבואי 30. KHOLEMT ... rêves-tu/do you dream 31. NESHOME âme/soul 32. uni/joined/איחדנו 33. était bleu/was blue/היה כחול 34. fanés/faded/נבולים.



פּאָרטרעט פֿון פּאָל ווערלען
דורך גוסטאַוו קורבע

# שעקספּיר




**שעקספּיר און פּרץ טרעפֿן זיך אין גן־עדן (קאַריקאַטור פֿון 1916).**

## איבערגעזעצט דורך יוסף באָוושאָווער, 1899

איך בין אַ ייִד. האָט דען ניט אַ ייִד קיין אויגן ? האָט דען ניט אַ ייִד קיין הענט, קיין אבֿרים[1], קיין חושים[2], קיין געפֿילן, לײַדנשאַפֿטן[3] ? ווערט ער ניט דערנערט[4] מיט דער זעלבער שפּײַז, געשעדיקט[5] מיט די זעלבע וואָפֿן, באַפֿאַלן פֿון די זעלבע קרענק, געהיילט[6] מיט די זעלבע מיטל[7], געוואַרעמט און דערקעלטערט פֿון דעם זעלבן ווינטער און זומער, ווי אַ קריסט[8] ? אויב איר שטעכט אונדז, גייט פֿון אונדז קיין בלוט ניט ? אויב איר קיצלט[9] אונדז, לאַכן מיר ניט ? אויב איר פֿאַרגיפֿט[10] אונדז, שטאַרבן מיר ניט ? און ווען איר טוט אונדז שלעכטס, זאָלן מיר ניט נעמען קיין נקמה[11] ?

## אַן אַנאָנימע איבערזעצונג, 1903

איך בין אַ ייִד. נאָר פֿרעג איך, זאָגט מיר, האָט דען אַ ייִד קיין אויגן, האָט דען אַ ייִד קיין הענט ניט ? האָט דען אַ ייִד קיין רמ״ח אבֿרים[12] און אַלע חושים ? קען מען דען אונדז ניט ווונדן[13] מיט די זעלבע געווער[14] ? לײַדן מיר דען ניט מיט אַלע מענטשן די זעלבע יסורים[15] פֿון פֿאַרשיידענע קרענק און צרות[16] ? ניצן מיר דען ניט די זעלבע רפֿואות[17], שפּירן מיר דען ניט גלײַך ווי די קריסטן זומער די היץ און ווינטער די קעלט, שפּירן מיר דען ניט ווען מע שטעכט אונדז מיט שפּיזן[18], אָדער לאַכן מיר ניט אַז מע קיצלט אונדז, שטאַרבן מיר דען ניט פֿון סם־המוות[19] ? דאַרפֿן מיר זשע לײַדן און שווײַגן, אויב אין אַלצדינג זײַנען מיר גלײַך ?

1. EYVRIM membres/limbs 2. KHUSHIM sens/senses 3. passions/תאוות 4. nourri/nourished/ניזון 5. *ici* blessé/*here* hurt/*כאן:* נפצע 6. guéri/cured/מטופל 7. remèdes/remedies/תרופות 8. chrétien/Christian/נוצרי 9. chatouillez/tickle/מדגדגים 10. empoisonnez/poison/מרעילים 11. … NEKOME nous venger/take revenge/לנקום 12. RAMA'KH EYVRIM 248 membres du corps/248 bodily limbs 13. blesser/wound/לפצוע 14. armes/weapons/כלי נשק 15. YESURIM souffrances/pains 16. TSORES troubles 17. REFUES remèdes/remedies/תרופות 18. lances/spears/חניתות 19. SAM-HAMOVES poison mortel/deadly poison.

דאָס איבערזעצן שעקספּירן[1] איז שוין אַן אַלטע מעשׂה[2] בײַ ייִדן. דער עיקר[3] זענען זיי געפֿעלן די גרויסע טראַגעדיעס מיט טעמעס פֿון ליבע, קינאה[4], נקמה[5]... משה[6] מענדעלסאָן (1786–1729) האָט איבערגעזעצט טיילן פֿון *האַמלעט*, נישט אויף ייִדיש אַוודאי[7], נאָר אויף דײַטש און העברעיִש. די ערשטע ייִדישע איבערזעצונג וואָס מיר קענען איז געווען *יוליוס צעזאַר* אין 1886. די ערשטע וואָס איז אַרויס אין בוכפֿאָרעם איז געווען דער *קעניג ליר*. אַ מאָל זענען די איבערזעצערס געבליבן גאַנץ געטרײַ[8] צום טעקסט, נאָר אין די אויפֿפֿירונגען[9] האָט מען אַ סך געשניטן, ווי מע טוט זייער אָפֿט אויף אַלע שפּראַכן. אָפֿט מאָל האָט מען די פּיעסעס שטאַרק באַאַרבעט[10] און פֿאַרייִדישט. דער *ייִדישער קעניג ליר* פֿון יעקבֿ[11] גאָרדין (1909–1853) איז אַ מעשׂה פֿון אַ ייִדישן סוחר[12] וואָס צעטיילט זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן[13] צווישן זײַנע דרײַ טעכטער, מיט די זעלבע קאַטאַסטראָפֿאַלע קאָנסעקווענצן ווי בײַ שעקספּירן. דער סוף[14] אָבער איז אַ גוטער – צווישן דעם טאַטן און די קינדער ווערט ווידער שלום[15].

די פֿיגור פֿון שײַלאָק פֿונעם *סוחר פֿון ווענעדיק* האָט אַוודאי צוגעצויגן פֿאַרשיידענע איבערזעצער, ווי אויך די בעסטע אַקטיאָרן פֿון דער ייִדישער בינע[16], וואָס האָבן געוואָלט שפּילן אַזאַ זעלטנקייט[17] פֿון שעקספּירס שאַפֿונגען – אַ ייִדישער העלד.

דאָ אונטן געפֿינט איר צוויי ווערסיעס פֿונעם באַרימטן מאָנאָלאָג „איך בין אַ ייִד“. די ערשטע איז פֿון יוסף[18] באָוושאָווער (1915–1873), אַן אַנאַרכיסט און אַ פּאָעט, איינער פֿון די „פּראָלעטאַרישע פּאָעטן“ וואָס האָבן געשריבן וועגן אַרבעט און קאַמף אין די ניו־יאָרקער „סוועט־שאַפּס[19]“. אָבער באָוושאָווער איז אויך געווען אַן איבערזעצער, פֿון ענגלישער און אַמעריקאַנער פּאָעזיע, און פֿון שעקספּירס פּיעסע, מיטן טיטל *שײַלאָק, דער קויפֿמאַן פֿון ווענעדיק*.

די צווייטע ווערסיע איז אַן אַנאָנימע באַאַרבעטונג פֿון דער דראַמע, אַרויס אין וואַרשע אין 1903. זי איז ווײַטער פֿונעם טעקסט, מער ייִדישלעך, און מיט מער ווערטער פֿון לשון־קודש[20].

1. William Shakespeare 2. MAYSE histoire/story 3. … IKER surtout/mostly/תאוות 4. KINE jalousie/jealousy/ניזון 5. NEKOME vengeance/revenge/*כאן:* נפצע 6. MOYSHE 7. AVADE bien sûr/of course/תרופות 8. fidèles/faithful/נוצרי 9. productions/מדגדגים 10. adapté/adapted/מרעילים 11. YANKEV Jacob Gordin 12. SOYKHER marchand/merchant 13. divise toute sa fortune/divides his whole fortune/לפצוע 14. SOF fin/end/כלי נשק 15. SHOLEM paix/peace 16. scène/stage 17. chose rare/rarity 18. YOYSEF 19. ateliers de confection/sweatshops/סדנאות יזע 20. LOSHN-KOYDESH hébreu et araméen/Hebrew and Aramaic.

I am a Jew. Hath not a Jew eyes? Hath not a Jew hands, organs, dimensions, senses, affections, passions; fed with the same food, hurt with the same weapons, subject to the same diseases, heal'd by the same means, warm'd and cool'd by the same winter and summer as a Christian is? If you prick us, do we not bleed? If you tickle us, do we not laugh? If you poison us, do we not die? And if you wrong us, shall we not revenge?
*(The Merchant of Venice*, Act III, scene I)

# ראָבערט פֿראָסט

דער אַמעריקאַנער פּאָעט ראָבערט פֿראָסט (1963–1874) איז אײנער פֿון די זעלטענע וואָס איז בײַם לעבן געווען אי הויך אָפּגעשאַצט[1] פֿון דער קריטיק אי פּאָפּולער בײַם ברייטן עולם[2]. ער האָט צום מערסטן געשריבן וועגן דעם לעבן אויפֿן דאָרף, ווו ער האָט לאַנגע יאָרן געוווינט. אין זײַנע לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין אַ גערעדטער אַמעריקאַנער שפּראַך, פֿאַרבינדן זיך אָפֿט מאָל די נאַטור מיט מענטשלעכע באַציִונגען[3]. אין 1961, ווען ער איז אַלט געווען 87 יאָר, האָט ער פֿאָרגעלייענט זײַנס אַ נײַ ליד אויף דער אײַנשווערונג[4] פֿון פּרעזידענט קענעדי.

דער איבערזעצער, מאיר[5]־זימל טקאַטש (1967–1894), איז אַליין געווען אַ פּאָעט און אַ משלים[6]־שרײַבער. ער ציטירט אַ דעפֿיניציע וואָס פֿראָסט האָט אַ מאָל געגעבן פֿון פּאָעזיע: „אַ ליד הייבט זיך אָן אין פֿאַרגעניגן און ענדיקט זיך אין חכמה[7]“, אַ צוגאַנג[8] וואָס רעדט אַוודאי[9] צו אַ שאַפֿער פֿון פֿאַבלען.

1. apprécié/appreciated/מוערך 2. OYLEM public/ציבור 3. rapports/relations/יחסים 4. prestation de serment/swearing in, inauguration/טקס השבעה 5. MEYER 6. MESHOLIM fables, *sing*. משל MOSHL 7. KHOKHME sagesse/wisdom 8. approche/approach/גישה 9. AVADE bien sûr/of course/בוודאי.



## Stopping by Woods on a Snowy Evening

Robert Frost

Whose woods these are I think I know.
His house is in the village, though;
He will not see me stopping here
To watch his woods fill up with snow.

My little horse must think it queer
To stop without a farmhouse near
Between the woods and frozen lake
The darkest evening of the year.

He gives his harness bells a shake
To ask if there is some mistake.
The only other sound's the sweep
Of easy wind and downy flake.

The woods are lovely, dark, and deep,
But I have promises to keep,
And miles to go before I sleep,
And miles to go before I sleep.

## זיך אָפּשטעלנדיק בײַ אַ וואַלד אין שנייִקן אָוונט

פֿון ראָבערט פֿראָסט ; איבערגעזעצט דורך מ.־ז. טקאַטש

כ׳ווייס, דאַכט זיך[1], וועמעס[2] איז דער וואַלד.
זײַן הויז איז אָבער ניט דאָ באַלד.
ער וועט ניט זען ווי כ׳שטעל זיך אָפּ
און קוק ווי שניי מאַכט פֿול זײַן האָב[3].

מײַן פֿערדל זעט עס מאָדנע אויס[4],
וואָס כ׳שטעל זיך אָפּ ניט לעם[5] אַ הויז,
נאָר צווישן וואַלד און וואַסער גאָר
אין טונקלסטן פֿאַרנאַכט פֿון יאָר.

די גלעקלעך טרייסלט[6] ער צעמישט,
פֿרעגט אָן צי כ׳האָב קיין טעות[7] נישט.
דעם קלאַנג פֿון גלעקלעך ענטפֿערט בלויז
פֿון ווינט און שניי אַ ווייך גערויש[8].

דער טונקל־טיפֿער וואַלד איז פֿײַן.
נאָר איך דאַרף פֿיל מקיים זײַן[9].
כ׳פֿאָר ווײַטער איידער איך שלאָף אײַן,
כ׳פֿאָר ווײַטער איידער איך שלאָף אײַן.

1. je crois savoir/I think I know/נדמה לי שאני יודע 2. à qui/whose/של מי 3. propriété/property/רכוש 4. mon cheval trouve ça bizarre/my horse thinks it queer/זה משונה בעיני הסוס שלי 5. *וואַריאַנט פֿון לעבן* 6. agite/shakes/מנער 7. … TOES … si je ne me trompe pas/if I'm not mistaken/אם אני לא טועה 8. bruissement/rustling/רשרוש 9. MEKAYEM… accomplir/accomplish/לבצע.



צווישן די גאָר נײַע איבערזעצונגען אויף ייִדיש געפֿינט מען די צוויי גוט באַקאַנטע לידער. דאָס ערשטע האָט איבערגעזעצט יצחק[1] ניבאָרסקי פֿאַר אַ דאָקומענטאַר־פֿילם[2] אויף דער פֿראַנצייזישער טעלעוויזיע. דאָס צווייטע איז די אַרבעט פֿון אַ גרופּע אַוואַנסירטע סטודענטן פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער.

## פֿראַנקרײַך מײַנע[3]

ס׳איז הײַנט ווידער אין מײַן האַרצן
מיט זכרונות[4] זיסע פֿול.
כ׳זע דאָרט דעם כאַלאַט[5] דעם שוואַרצן
וואָס איך פֿלעג טראָגן אין שול.
אַז איך בין אין שול געגאַנגען
פֿלעג איך זינגען אויף אַ קול[6]
ליבע, היימישע געזאַנגען,
אַלטע לידער פֿון אַמאָל.
פֿראַנקרײַך מײַנע,
לאַנד פֿון קינדער־יאָרן פֿײַנע,
דורכגעלעבט אָן זאָרג, אָן טענות[7]
אײַנגעוויגט[8] מיט דײַן מוזיק.
שטעטל טײַערס –
שטילע שטיבלעך, גערטנער, שײַערס[9]...
קינדער פֿון מײַן דור[10] ! ס׳איז אײַערס
פּונקט ווי מײַנס געווען דאָרט ס׳גליק.
כ׳האָב דיך ליב, יאָ,
און אָט שענק[11] איך דיר מײַן ליד דאָ,
כ׳האָב דיך ליב, יאָ,
ביז מײַן לעצטן אויגנבליק.
פֿראַנקרײַך מײַנע,
לאַנד פֿון קינדער־יאָרן פֿײַנע,
דורכגעלעבט אָן זאָרג, אָן טענות,
אײַנגעוויגט מיט דײַן מוזיק.
כ׳האָב געזען שוין אַ סך לענדער,
אַ סך הימלען פֿול מיט פּראַכט[12]
ווען כ׳האָב איבער וועלט דער פֿרעמדער
ווײַטע רײַזעס דורכגעמאַכט.
נאָר ס׳איז הונדערט מאָל מיר ליבער
דאָ מײַן הימל בלוי און גרויס
און מײַן טײַך, מײַן שליאַך[13] קעגנאיבער,
און מײַן לאָנקע[14], און מײַן הויז.

1. yitskhok 2. *Comme un Juif en France* Yves Jeuland (2007) 3. *Douce France* de/by/מאת Charles Trenet 4. zikhroynes souvenirs/memories 5. blouse/(school) smock/חלוק 6. kol voix/voice 7. taynes plaintes/complaints 8. bercé/lulled to sleep/מורדם 9. granges/barns/אסמים 10. dor génération 11. offre/give/מעניק 12. splendeur/splendor/הדר 13. route de campagne/country road/דרך כפרית 14. pré/meadow/מרעה.

**די איבערזעצער זינגען דאָס ליד „איך וועל באַשטיין“ אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער**
www.youtube.com/watch?v=EgA-bLqm-RIE



## איך וועל באַשטיין[1] !

אַ מאָל, נישט הײַנט געדאַכט[2],
בין איך געווען אין שרעק
געשריגן : „גוואַלד, וואָס וועל איך טאָן
איצט אַז דו ביסט אַוועק ?!“
אַזוי פֿיל נעכט האָב איך געוויינט,
אָן דיר איך שטאַרב, האָב איך געמיינט
איצט זאָג איך : „סטאָפּ !
איך דאַרף דיך ווי אַ לאָך אין קאָפּ !“
פֿון העלער הויט[3]
ביסטו צוריק
כ׳בין גראָד[4] אַרײַן און דיך אַנטדעקט[5]
מיט אָט דעם נעבעכדיקן בליק[6]
וואָס פֿאַר אַ נאַר בין איך געווען
צו לאָזן דאָ דעם אַלטן שלאָס[7]
וואָלט איך געוווּסט כאָטש[8] אויף איין רגע[9]
אַז וועסט מיך מוטשען אָן אַ מאָס[10] !

איז[11] נעם די פֿיס
און גיי זשע[12] שוין
וואָס, ביסט נאָך אַלץ דאָ ?!
ס׳איז נישט דײַן דירה[13], זיסע קרוין[14]...
צי האָסטו, ממזר[15], נישט געוואָלט
מיך דאָ פֿאַרלאָזן ווי אַ נאַר ?
איך וועל זײַן שטאַרק
און איך וועל נישט אויסגיין פֿון צער[16]
חלילה[17] נישט, איך וועל באַשטיין
ווי באַלד[18] איך האָב אַ וואַרעם האַרץ
וועל איך דאָך נישט בלײַבן אַליין
דאָס גאַנצע לעבן שטייט פֿאַר מיר
און אויכעט ליבע אָן אַ שיעור[19]
און כ׳וועל באַשטיין
איך וועל באַשטיין

מיט אַלע מײַנע כּוחות[20]
האָב איך זיך געשפּאַרט[21]
געפּרוּווט פֿאַרקלעפּן אַלע שטיקלעך
פֿון מײַן „בראָקן האַרט“
אַזוי פֿיל נעכט האָב איך געוויינט
און נישט געקענט געפֿינען טרייסט[22]
כ׳פֿלעג ביטער זײַן
איצט בין איך ווײַט פֿון יעדן פּײַן
וואָס קוקסט אַזוי,
מיך נישט דערקענט ?!
שוין נישט די קליינטשיקע געשטאַלט[23]
וואָס קוקט אויף דיר פֿאַרבלענדט[24]
ס׳האָט דיר געגלוסט[25] צוריק צו מיר
געטראַכט אַ פּנים[26] כ׳וועל זײַן פֿרײַ
נאָר איצטער האַלט איך אַל מײַן ליבשאַפֿט[27]
פֿאַר דעם וואָס נעמט מיך אָן אַ תּנאַי[28] !

1. *lit*. persister/*lit*. persist, go on/*מילולית:* להתמיד ; *ici/here/כאן* : "I Will Survive" (chanté par/sung by Gloria Gaynor) 2. qu'on en soit préservé à présent/may it never happen again/מי יתן וזה לא יחזור על עצמו 3. tout d'un coup/out of the blue/לפתע 4. tout juste/just/בדיוק 5. découvert/discovered/גיליתי 6. regard pitoyable/miserable look/מבט אומלל 7. serrure/lock/מנעול 8. au moins/at least/לפחות 9. rege instant 10. embêter infiniment/bother me forever/להטריד עד אין קץ 11. alors/so/אם כן 12. va-t-en! *emph*./go! *emph*./*מודגש* !לך 13. dire appartement/apartment 14. *ici* chéri/*here* sweetheart/*כאן:* יקירי 15. mamzer bâtard/bastard 16. ... tsar/mourir de chagrin/die of sorrow/למות מצער 17. kholile Que Dieu nous en préserve !/God forbid! 18. puisque/since, because/מכיוון ש 19. ... shier sans limite/endless/ללא סוף 20. koykhes force/strength 21. insisté/insisted/התעקשתי 22. consolation/נחמה 23. petite figure/tiny little thing/דמות קטנטנה 24. ébloui/dazzled/מסונוורת 25. t'avais envie/you felt like/התחשק לך 26. aponem apparemment/apparently/כפי הנראה 27. tout mon amour/all my love/כל אהבתי 28. ... tnai sans condition/without any conditions.


# דער ייִדישער טעם־טעם

**אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס**

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס